# דער זעלנער (אַ בילד)

**שלום אַש**

פֿרײַטאָג אין דער פֿרי, ווען שׂרה רחל די שנײַדערין איז אַרויס מיט די חלות צו דער בעקערין, האָט זי דערזען, ווי דער מאַרק איז פֿול מיט זעלנער. בײַנאַכט איז עפּעס פֿון הימל אַ חיל אַראָפּגעפֿאַלן, מיט אַזױ פֿיל פּעקלעך, אין אַזעלכע קרומע היטלעך מיט ביקסן און שווערדן – און דער געזונטער, געשמאַקער ריח פֿון דזיעגאַכטס גייט אויף און פֿילט אָן די גאַס. זשענזע סטראַזשניק שטייט און טענהט עפּעס מיט זיי – האָט זי באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען די זעלנער אויף די קוואַרטירן אײַנצושטעלן – האָט זי זיך באַלד געגעבן אַ דריי אויס מיט די חלות און צוריק אין שטוב אַרײַן.

– מענדל! אין בעט אַרײַן! – האָט די שנײַדערין געגעבן אַ געשריי.

– וואָס איז? – פֿרעגט דער דערשראָקענער מאַן.

– זעלנער זײַנען געקומען, מען צושטעלט זיי אין די קוואַרטירן.

דער שנײַדער האָט זיך אויסגעטאָן, אַרונטערגעקראָכן אונטער די שווערע דעק, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַלע פֿעדערן, פֿון די אַלע גענז, וואָס די שנײַדערין פֿלעגט נאָר פֿון צײַט נאָך איר חתונה שעכטן. זי האָט דעם שנײַדער דעם קאָפּ מיט אַ טיכל פֿאַרבונדן. און ער קרעכצט.

און זי אַליין האָט זיך בײַם בעט אַנידערגעשטעלט, און גענומען די הענט ברעכן:

– מײַן מאַן, מײַן ברויט־געבער!

– עס האָט זיך אין דער טיר געוויזן זשענזע סטראַזשניק, הינטער אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ זעלנער מיט אַ קעסטעלע.

– גוט מאָרגן, פּאַניע קראַוועץ – גיט אים אָפּ זשענזע דאָס זײַניקע.

– גוט מאָרגן, גוט יאָר, פּאַניע זשענזע לעבן. זע, אַ בראָך צו מיר, מײַן מאַן, מײַן ברויט־געבער, איז מיר בײַנאַכט אַוועקגעפֿאַלן, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? – ברעכט די ייִדענע די הענט.

– אוי, אוי, אוי! – קרעכצט דער שנײַדער אונטער דער שווערער דעק.

– זשאַלקאָ, זשאַלקאָ – ברומט זשענזע, דרייענדיק זיך איין וואָנצע – אָט האָט מיך דער פּאַניע נאַטשאַלניק געשיקט צו דיר, זאָלסט אים קומען אַ מאָס נעמען אויף אַ פֿראַק. ביזט קראַנק – מוז איך מיר גיין צו קאַבאַנסקען – זאָגט זשענזע, גרייטנדיק זיך אַרויסצוגיין.

– וואָס האָסטו מיך קראַנק געמאַכט! אַ בייזע נאַכט אויף מײַנע שׂונאיםס קעפּ – זאָגט דער שנײַדער.

– פּאַניע זשענזע, פּאַניע זשענזע! – רופֿט דער שנײַדער פֿון בעט אַרויסקריכנדיק.

– זשיד מאַשעניק! – רופֿט זשענזע לאַכנדיק.

– (צום זעלנער): דאָ איז דײַן קוואַרטיר – און זשענזע איז שוין ניטאָ.

דער זעלנער נעמט זיך קאַלטבלוטיק זײַן פּאַק, טראָגט עס זיך אין אַ ווינקל אַרײַן, מאַכט זיך היימיש אין שטיבל.

און בײַם טיש קריגט מען זיך איבער אים – דער שנײַדער מיט דער שנײַדערין. זי שילט אים אָן פֿאַר וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָפּנאַרן, ער ענטפֿערט איר מיט טויטע קללות – און דער זעלנער אין ווינקל, ווי עס וואָלט גאָר ניט איבער אים געווען – פּאַקט זיך אויס זײַנע "וויעשצעס", נעמט זיך אַרויס דאָס ראָזעוואַנע ברויט, צושנײַדט זיך צו שטיקלעך מיט דעם קליינעם, זעלנערישן מעסערל – און דער זעלנערישער דזיעגאַכטס־געשמאַק טראָגט זיך איבער דער שטוב, און נעמט דאָס גאַנצע שטיבל אײַן...

– ווי ער האָט זיך צולעגט, ווי ער האָט זיך צולעגט! – ברומט די ייִדענע בײַ דער קיך.

דער זעלנער טוט זיך דאָס זײַניקע.

– גיי זאָג אים – רופֿט די ייִדענע, נעמענדיק זיך האָלץ צו האַקן.

– גיי זאָג דו אים – רופֿט דער שנײַדער פֿון טישל אַהער.

דער זעלנער, זעענדיק ווי די ייִדענע אַרבעט בײַם שטיקל האָלץ צוהאַקן, האָט זײַן זעלנערישע נאַטור עס ניט געקענט לײַדן – און פֿאַר לאַנגווײַליקייט הייבט ער זיך אויף, נעמט פֿון דער שנײַדערינס האַנט דאָס שטיק האָלץ, און צוהאַקט עס.

די שנײַדערין גיט אים אַוועק, מיט אַ צוגעוואָרפֿענעם געבייזער, עס הייסט: ווילסט עס דווקא, נאַ דיר!

דער זעלנער נעמט די האַק און צוהאַקט, ווי נאָר אַ שטיקל האָלץ, וואָס געפֿינט זיך אין שטוב צוהאַקט ער – און זוכט נאָך – און די האַק איז בײַ אים נאָך גרייט אין דער האַנט נאָך צו האַקן.

אַז ער האָט דאָס האָלץ צוהאַקט, גייט די שנײַדערין און שנײַדט אָפּ אַ שטיק ברויט און דערלאַנגט אים מיט דעם פֿאַריקן, צוגעוואָרפֿענעם געבייזער. אַז דער זעלנער האָט דאָס ברויט צוגענומען, נעמט ער זיך דאָס קענדל, און פֿרעגט ניט, אויב עס איז יאָ דאָ וואַסער, אויב ניט – גייט נאָך וואַסער, ברענגט און גיסט

אָן אַלע כּלים, אַלע טעפּ, אַלע שאַפֿן, אַזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט באַזאָרגן מיט וואַסער אויפֿן גאַנצן לעבן, און די האַנט האַלט נאָך דאָס קענדל, און איז נאָך גרייט וואַסער צו ברענגען.

די שנײַדערין זאָגט צום שנײַדער פֿון הינטערן קוימען אַרויס, פֿון וואַנען זי איז באַשעפֿטיקט מיטן שבת מאַכן:

– ווייסט, גאָר ניט קיין שלעכטער זעלנער.

– איך האָב עס באַלד געוווּסט – ענטפֿערט איר דער שנײַדער.

– ער האָט עס באַלד געוווּסט! – זאָגט די שנײַדערין מיט איראָניע.

אין דער שטוב, אָן ווערטער, בעט מען זיך איבער איינער מיטן צווייטן, ביז דער זעלנער ווערט אין שטיבל אַ גאַנצער היימישער...

פֿרײַטאָג-צו-נאַכטס. די ייִדענע האָט אין איר שטיבל שבת געמאַכט, צוגערוימט, די וואָכעדיקע מאַשין הינטערן אויוון אַרונטערגערוקט און זי מיט אַ חלה-צוועלעכל (טישטוך) באַדעקט. איבערן ברייטן שנײַדערשן טיש אַ טישטוך פֿאַרשפּרייט, חלות און מעשענע לײַכטער אַרויפֿגעשטעלט... דעם אויוון האָט די ייִדענע פֿרײַטאָג-צונאַכטס גוט אונטערגעהייצט, אַז עס זאָל וואַרעם זײַן אַ גאַנצן שבת. דער אויוון האָט געבריט צוויי איילן פֿון דערווײַטן, און הייס איז אין שטוב געווען, אַז פֿון די שויבן האָט אָנגעהויבן טראָפּנס צו קאַפּען, אין די טראָפּנס האָבן זיך אָפּגעשפּיגעלט די שבת-ליכט, וואָס האָבן געברענט אין אַ צווייטן פֿענסטער קעגנאיבער. אין דער שטוב האָט אַלעס מיט שבת געשמעקט. דער שנײַדער איז פֿון דער חברה אַהיים געקומען, צום טיש זיך געזעצט און געגאַנגען קידוש מאַכן.

אין אַ ווינקל זיצט דער זעלנער, בײַם זעלנערישן ראַנעץ, און פּאַקט זיך איבער די זאַכן: אַ פּאָר שטיוול, הויזן, העמדער... נאָדל מיט פֿאָדעם. דערנאָך נעמט ער זיך אַרויס דאָס ראָזעוואַנע ברויט, נעמט אַ טעפּל וואַסער און הייבט זיך אָן צו עסן.

די אַלטע זיצן בײַם טיש און עסן די שבתדיקע פֿיש מיט די שבתדיקע חלה. אַלץ איז אין דער שטוב שבתדיק, נאָר דאָרט אין ווינקל זיצט עפּעס דער וואָכעדיקער זעלנער, מיט דעם וואָכעדיקן זעלנערישן ברויט. די ייִדענע אַרט דאָס זעלנערישע ברויט; עפּעס אַ שטיק וואָכעדיקעס אין שבתדיקן – שנײַדט זי אָפּ אַ "מוציא" חלה און איז אים מכבד: לאָז דער זעלנער אויך טועם זײַן פֿון דער שבתדיקער חלה.

דער זעלנער נעמט עס צו גלײַכגילטיק, און עסט זיך די חלה מיט דער זעלבער גלײַכגילטיקער מינע.

אָפּגעגעסן, אָפּגעבענטשט, רוימט די ייִדענע פֿון טיש אַראָפּ. עס קומט אַרײַן אַ שכן מיט אַ שכנטע, יואל שוסטער מיטן ווײַב, נאָך עפּעס אַ ייִדענע, מען זעצט זיך בײַם טישל. דאָס קליינע לעמפּל לײַכט זיך שבתדיק, די ליכט צאַנקען אין די לײַכטער און דער חלבֿ-ריח שמעקט און שטינקט אין דער חדר. דער שוסטער הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשׂה, מען האָרכט אים אויס, שׂרה-רחל נעמט אַרויס פֿון שירץ זוימען (סעמעטשקעס) און שיט עס אויס אויפֿן טיש, די געסט מכבד צו זײַן. באַלד ווערט די פּאָדלאָגע פֿאַרפֿלייצט אין שאָלעכץ. דער זעלנער זיצט אין ווינקל, זעט סעמעטשקעס אויפֿן טיש – שטעקט ער אויך די האַנט אַרײַן און נעמט זיך גלײַכגילטיק די סעמעטשקעס, ווי עפּעס אַ שמעק-טאַבאַק, ווען די טאַבאַק-פּושקעלע איז אָפֿן, הייבט אָן מיטצוקנאַקן מיט די געסט, און פֿאַרשפּרייט שאָלעכץ מער פֿון זיי. דענסטמאָל איז דער שנײַדער מיט דעם זעלנער מער היימישער געוואָרן, גייט ער צו צום זעלנער און קלאַפּט אים אויפֿן רוקן:

– נו, בודיעט וואָינאַ? – פֿרעגט ער דעם זעלנער.

– בודיעט, בודיעט – מאַכט דער זעלנער מיט דער האַנט, קנאַקענדיק די סעמעטשקעס מיטן מויל.

*Uit Dertsejloengen, band 3. Forwerts, New York 1911.*

■

